בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

סעודה שלישית

## פנחס תשי"ד (חלק א)

### כֵּן בְּנוֹת צְלָפְחָד דֹּבְרֹת

• למה הזכירו בנות צלפחד כִּי בְחֶטְאוֹ מֵת, ומה שאביהם לא היה בעדת קרח • שיטת רבי עקיבא דצלפחד היה המקושש עצים • למה בפרשת שלח כיסתה התורה מי הוא המקושש, ולבסוף גילתה התורה בגזירה שוה דהיה זה צלפחד • בגמרא: עדת קרח אין להם חלק בארץ • ברשב"ם בשם ספרי: 'לָאֵלֶּה' תֵּחָלֵק הָאָרֶץ, לכשרים וקדושים כמותכם • תוספות בשם המדרש: צְלָפְחָד לְשֵׁם שָׁמַיִם נִתְכַּוֵּן, להודיע דגם אחר חטא המרגלים שאין נכנסין לארץ מחוייבין במצות, ולכן עמד וחילל שבת כדי שֶׁיֵּהָרֵג וייראו אחרים • בבית דין של מטה לא מהני תשובה להפטר מעונש, כי אין דנין למטה בדבר התלוי בפנימיות הלב • פִּתְאֹם יָבוֹא אֶל הֵיכָלוֹ הָאָדוֹן 'אֲשֶׁר אַתֶּם מְבַקְשִׁים', שהגאולה שלימה הוא כל חמדת ישראל ובקשתם •

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשפ"ה לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י **מערכת לשון קדשו**

**כל הזכיות שמורות ואיסור השגת גבול ידוע** © Copyright

צו מנדב זיין רופט: **1-718-388-5519** | אויטאמאטיש דורך קרעדיט קארד: **845-366-2793 #1700**

**לשון קדשו - קונטרס שלה** (חלק א) | **קלאָר** (13 מינוט מתוך 44) ★★★☆☆

**לשון קדשו:** **929-522-1515**

ארץ ישראל: **072-3275205**
ענגלאנד: **0330-350-3110**
פעקס: **718-650-2970**

דרוק **1** דערנאך **335** פאר די **רעקארדינג** פון די וואך. פאר הערות דרוק **3**

**קול אוצר יהודא**
ברוקלין: **718-298-4641**
ארץ ישראל: **072-2223419**
**79→2→4→8→14.1**

# • ברכת מזל טוב •

הר״ר **עמרם נתן ווייס** הי״ו
לאירוסי בתו - עב״ג החתן **שמואל אליעזר** נ״י
בן הר״ר **יואל פריעדמאן** הי״ו (ב״ר שאול יחזקאל)

# • וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן •

האי סבא קדישא, צדיק כתמר יפרח, מרנא ורבנא אור ישראל וקדושו, מאור הגולה, משה איש האלקים
רבינו **משה** בן רבי צבי הירש זצוקללה״ה **טייטלבוים**
אבד״ק שינאווא ואוהעל - בעמח״ס **ישמח משה** עה״ת ונ״ך, שו״ת השיב משה ותפלה למשה על תהלים
**יומא דהילולא כ״ח תמוז תר״א - זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

---

זכה להיות מאוכלי שולחנו של דודו רביה״ק זי״ע, ועל פי פקודתו הפיח רוח חיים בעיר לאס אנדזשעלעס
הגה״צ רבי **צבי** זצ״ל **האלבערשטאם**
רב דביהמ״ד עצי חיים לאס אנדזשעלעס - נפטר כ״ב תמוז תשמ״א
ואביו הרה״צ רבי **אברהם** בהגה״ק ר׳ **צבי הירש** זצוק״ל **מרודניק** - נעקדה״ש כ״א תמוז תש״ב הי״ד

---

הרה״ח איש ישר וענותן, התנהג באמונה פשוטה, הרבה פעלים להקים קרן התורה והקדושה בישראל, עשה רצון רביה״ק זי״ע להמציא בגדי צניעות לבנות ישראל הכשרות
רבי **חנני׳ יו״ט ליפא** ז״ל **בראך**
ב״ר **אברהם ארי׳** ז״ל
נפטר כ״ז תמוז תשנ״ו

---

הרה״ח היקר, קיבל כל אדם בסבר פנים יפות, בימי הזעם מסר נפשו לתורה ומצות, החזיק ת״ח בסתר ובדרך כבוד, בנה והקים עולמות של תורה למוסדות רביה״ק זי״ע
רבי **דוד הכהן** ז״ל **ברעכער**
ב״ר **אשר הכהן** ז״ל
נפטר כ״ה תמוז תשס״ח

---

הרה״ח הישיש, בעל מדות טובות וישרות, שקד בתורה בבוקר ובכל עת פנוי, דבוק ברביה״ק זי״ע ובספריו
רבי **מאיר יודא** ז״ל **פליישמאן**
נפטר כ״ב תמוז תשפ״ג
ואביו הר״ר **טובי׳ גדלי׳** ז״ל בן הר״ר ישראל ז״ל
מק״ק קליינווארדיין יצ״ו ושם מנו״כ - נפטר כ״ג תמוז תש״א

---

הרה״ח ירא ושלם, שקד בתורה והתפלל במתינות ובהכנה דרבה, שליח ציבור בימי נוראים וסופר סת״ם, התקשר לרביה״ק זי״ע ודבריו היו נר לרגלו
רבי **יקותיאל יהודה** ז״ל **לאקס**
ב״ר **צבי** ז״ל
נפטר כ״ז תמוז תשפ״א

---

האשה החשובה הישישה, ביתה בית וועד לחכמים, היתה כאם לפליטים ויתומים, הרבתה צדקה וחסד
מרת **ברכה** ע״ה **ווערצבערגער**
בת הרה״ג ר׳ **בן ציון הלוי** זצ״ל שו״ב סטרימבא
אשת הרה״ח ר׳ **אברהם הלוי** ז״ל, שו״ב
נפטרה כ״ה תמוז תשנ״ח

---

קרן **חיה רויזא**
לע״נ הרבנית הצדקת **חיה רויזא טייטלבוים** ע״ה
בת כ״ק מרן רביה״ק זצוק״ל

הרב החסיד רבי
**עקיבא דוב** ז״ל **גאלדשטיין**
ב״ר **מאיר יהודה** ז״ל
נפטר כ״ז תמוז תשע״ו

הרה״ח רבי **משה אפרים** ב״ר **ארי׳** ז״ל **הערשקאוויטש** – וזוגתו מרת **שפרה יענטא** ע״ה ב״ר **משה יודא** ז״ל

KolSatmar.com

ח

# קושיות ודקדוקים בפרשת בְּנוֹת צְלָפְחָד

**שטייט ווייטער, ס'שטייט אין די וואָכעדיגע סדרה ביי די בְּנוֹת צְלָפְחָד:**

**וַתִּקְרַבְנָה בְּנוֹת צְלָפְחָד בֶּן חֵפֶר** [וגו׳, וַתַּעֲמֹדְנָה לִפְנֵי מֹשֶׁה וְלִפְנֵי אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן וגו׳ לֵאמֹר]. **אָבִינוּ מֵת בַּמִּדְבָּר, וְהוּא לֹא הָיָה בְּתוֹךְ הָעֵדָה הַנּוֹעָדִים עַל ה׳ בַּעֲדַת קֹרַח, כִּי בְחֶטְאוֹ מֵת. לָמָּה יִגָּרַע שֵׁם אָבִינוּ** [מִתּוֹךְ מִשְׁפַּחְתּוֹ כִּי אֵין לוֹ בֵּן, תְּנָה לָּנוּ אֲחֻזָּה בְּתוֹךְ אֲחֵי אָבִינוּ].

ט

**קושיא ו**

יש להבין לאיזה צורך אמרו בנות צלפחד על אביהם כִּי בְחֶטְאוֹ מֵת, וכי שבח ומעלה לאביהם יש בזה. והיה סגי במה שאמרו וְהוּא לֹא הָיָה בְּתוֹךְ הָעֵדָה הַנּוֹעָדִים עַל ה׳ בַּעֲדַת קֹרַח

**ו) לכאורה וואָס האָבן זיי דאָ אויפגעטון אַ יִחוּס** [ושבח לאביהם, במה שאמרו, כִּי בְחֶטְאוֹ מֵת].

**מילא דאָס איז נישט קיין קַשְׁיָא, וואָס** [זיי האָבן געזאָגט אַ שבח במאמר] **וְהוּא לֹא הָיָה בַּעֲדַת קֹרַח,** [דהכוונה] **אַז ער האָט נישט מַחֲטִיא אֶת ׳הָרַבִּים׳ געווען, נאָר** [ער האָט געזינדיגט] **׳פאַר זיך׳.** [והרי במאמר וְהוּא לֹא הָיָה וגו׳, שפיר יש בזה שבח ומעלה לאביהם][א].

**אָבער** [עדיין קשה] **וואָס איז דאָס אַ נַפְקָא מִינָהּ צו דערציילן** [גם סיום המאמר כִּי בְחֶטְאוֹ מֵת, והלא] **ס'איז דאָך אויך נישט אַזאַ יִחוּס** [ושבח] **אַז ער איז בְּחֶטְאוֹ מֵת, צו דערציילן אַז ער האָט געזינדיגט, כִּי ׳בְּחֶטְאוֹ׳ מֵת.**

י

**קושיא ז**

להבין דיוק לשון הכתוב כאן וַיַּקְרֵב מֹשֶׁה אֶת מִשְׁפָּטָן לִפְנֵי ה׳, מה שלא נאמר כן בפסח שני ובמקושש עצים

[שטייט ווייטער] **וַיַּקְרֵב מֹשֶׁה אֶת מִשְׁפָּטָן לִפְנֵי ה׳.**

**ז) פאַרוואָס גראָד[ב] דאָ** [שטייט לשון כזה שהקריב] **אֶת מִשְׁפָּטָן לִפְנֵי ה׳,** [מה שלא מצינו כיוצא בזה בפרשת פסח שני (בהעלותך ט, ח), ובמקושש עצים (שלח טו, לד)].

יא

**קושיא ח**

להבין מה צורך ההקדמה שהקדים לומר כֵּן בְּנוֹת צְלָפְחָד דֹּבְרֹת.

דלכאורה היה סגי שיאמר להם רק הדין של ירושת הבנות, וכבר יש בזה תשובה על שאלתם

[שטייט ווייטער] **וַיֹּאמֶר ה׳ אֶל מֹשֶׁה כֵּן בְּנוֹת צְלָפְחָד דֹּבְרֹת, נָתֹן תִּתֵּן לָהֶם אֲחֻזַּת נַחֲלָה בְּתוֹךְ אֲחֵי אֲבִיהֶם, וְהַעֲבַרְתָּ אֶת נַחֲלַת אֲבִיהֶן לָהֶן. וְאֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל תְּדַבֵּר לֵאמֹר, אִישׁ כִּי יָמוּת** [וּבֵן אֵין לוֹ] **וְהַעֲבַרְתֶּם אֶת נַחֲלָתוֹ לְבִתּוֹ וגו׳.**

**ח) לכאורה איז דאָך עפּעס איבעריג** [די הקדמה]**, עפּעס אַן עקסטערער פָּסוּק כֵּן בְּנוֹת צְלָפְחָד דֹּבְרֹת,** [שהרי] **דאָס פעלט דאָך נישט אויס** [לענין התשובה על שאלתם].

---

[א] ומה שהזכירו דייקא הענין מה שלא היה ״בַּעֲדַת קֹרַח״, זה יתבאר להלן באות טו-טז.

[ב] פירוש: דוקא.

KolSatmar.com

[אַז] זיי האָבן געזאָגט תְּנָה לָּנוּ אֲחֻזָּה, האָט דער בורא כל עולמים געדאַרפט צו זאָגן [רק] 'תְּנָה לָהֶם אֲחֻזָּה', [או שיאמר רק עצם הציווי דמי שאין לו בן] וְהַעֲבַרְתֶּם אֶת נַחֲלָתוֹ לְבִתּוֹ, [וממילא] שטייט דאָך שוין דער ענטפער [על שאלתם, וגם] פאַרשטייט מען שוין אַז זיי זענען גערעכט, [אַז] זיי פאָדערן אֲחֻזַּת נַחֲלָה און דער בורא כל עולמים האָט [פאַר] זיי געהייסן געבן.

וואָס שטעלט ער אַן הַקְדָּמָה קודם, כֵּן בְּנוֹת צְלָפְחָד דֹּבְרֹת, זיי זענען גערעכט. אַז ער זאָגט שוין מ'זאָל זיי געבן, ווייסט מען דאָך שוין [אַז] זיי זענען גערעכט.

יב

קושיא ט

בגמרא איתא ברייתא, רבי עקיבא אומר מקושש זה צלפחד, ולמד לה מגזירה שוה, נאמר במקושש אומר וַיִּהְיוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל 'בַּמִּדְבָּר', ונאמר בצלפחד אָבִינוּ מֵת 'בַּמִּדְבָּר'. אמר לו רבי יהודה בן בתירא, אם כדבריך, התורה כיסתו ואתה מגלה אותו, ואם לאו אתה מוציא לעז על אותו צדיק. אלא מן המעפילים היה

די גמרא זאָגט[ג], רבי עקיבא זאָגט מקושש זה צְלָפְחָד, ווייל איך האָב אַ גזירה שוה, אָבִינוּ מֵת 'בַּמִּדְבָּר', וַיִּהְיוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל 'בַּמִּדְבָּר' וַיִּמְצְאוּ אִישׁ מְקֹשֵׁשׁ עֵצִים (שלח טו, לב).

האָט רבי יהודא בן בתירא געזאָגט [לרבי עקיבא, בין כך ובין כך] אתה עתיד ליתן את הדין, אם כדבריך, התורה כִּיסְתוֹ ואתה מְגַלֵּהוּ. ואם לאו, אתה מוציא לַעַז על אותו צַדִּיק.

יג

והקשו בגמרא על מה שאמר רבי יהודה בן בתירה התורה כִּיסְתוֹ, דהלא רבי עקיבא למד לה מגזירה שוה, ואם כן לא כיסתו התורה. ומשני דרבי יהודה בן בתירה לא גמר מרבו גזירה שוה שו. ומה שלא קיבלו מרבי עקיבא שגמר מרבו, כבר תירצו התוספות בזה עיי"ש

פרעגט תוספות (כדלקמן), [דהנה בגמרא הקשו על דברי רבי יהודה בן בתירה] וואָס הייסט התורה כיסתו, [והלא] ס'איז דאָ אַ גְּזֵירָה שָׁוָה.

זאָגט תוספות, [על מה שתירצו בגמרא דרבי יהודה בן בתירה] ער האָט נישט געלערנט די גְּזֵירָה שָׁוָה, ווי די גמרא זאָגט גְּזֵירָה שָׁוָה לא גמיר.

[איז] תוספות פרעגט דאָך[ד], אָבער 'ער' [רבי עקיבא] האָט דאָך עס מְקַבֵּל געווען [מרבו, ואם כן היה יכול גם רבי יהודה בן בתירה לקבלו מרבי עקיבא].

און תוספות ענטפערט אויף דעם [אַ תירוץ], ס'איז נישט קיין נפקא מינה [לענינינו].

---

[ג] בגמרא שבת (צו: צז.): תנו רבנן, מקושש זה צלפחד, וכן הוא אומר וַיִּהְיוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל בַּמִּדְבָּר וַיִּמְצְאוּ אִישׁ וגו', ולהלן הוא אומר אָבִינוּ מֵת בַּמִּדְבָּר, מה להלן צלפחד אף כאן צלפחד, דברי רבי עקיבא. אמר לו רבי יהודה בן בתירא, עקיבא, בין כך ובין כך אתה עתיד ליתן את הדין, אם כדבריך, התורה כיסתו ואתה מגלה אותו, ואם לאו, אתה מוציא לעז על אותו צדיק. ○ ואלא הא גמר גזירה שוה [פירש"י: ואם כן לא כיסתו התורה, דהוה ליה כמפורש. ומשני] גזירה שוה לא גמר [ר' יהודה בן בתירא לא גמרה (מרבו), ואין אדם דן גזירה שוה מעצמו]. ○ אלא [לרבי יהודה] מהיכא הוה [באיזו חטא מת, דכתיב כִּי בְחֶטְאוֹ מֵת], מִן הַמַּעְפִּילִים הוה [וַיַּעְפִּלוּ לַעֲלוֹת וגו' (שלח יד, מד), שלא הרשיע כל כך כחילול שבת].

[ד] בתוספות שם (צז.): גזירה שוה לא גמיר. ואם תאמר, וליגמר מר' עקיבא, שהוא קיבלה מרבו. ואומר רבינו תם, שהיה להם בקבלה מנין גזירות שוות שבכל התורה, וזו היתה יתירה על החשבון, לפיכך לא קיבלה.

KolSatmar.com

יד

ויש להבין לשיטת רבי עקיבא דהתורה גילתו לבסוף בהגזירה שוה שנאמר כאן בפרשתן 'במדבר', דאם כן למה במקומו בפרשת שלח כתבה התורה בלשון סתום וַיִּמְצְאוּ 'אִישׁ' מְקֹשֵׁשׁ עֵצִים, דמשמע דהתורה רצתה לכסות מי הוא המקושש, וכטענת רבי יהודה בן בתירה, ומאי שנא דלבסוף התורה גילתה אותו בפרשתן על ידי הגזירה שוה

ט) על כל פנים רבי עקיבא לשיטתו, [וואָס] ער האָט געזאָגט אַז ס'איז דאָ אַ גזירה שוה, [לדידיה אכתי צריך ביאור] נו פאַרוואָס האָט מען עס באַהאַלטן [מעיקרא, במקומו בפרשת שלח, ורק בפרשת פינחס אנו למידין אותו מהגזירה שוה].

לכאורה דאַרף מען אויך פאַרשטיין די זעלבע זאַך[ה].

ס'שטייט אין פָּסוּק [במקומו בפרשת שלח בלשון סתום] וַיִּמְצְאוּ 'אִישׁ' מְקֹשֵׁשׁ עֵצִים, [דמשמעו כי] מ'האָט אים נישט מְגַלֶּה געווען .. האָט מען נישט געוואָלט זאָגן 'ווער' [דאָס איז געווען, וכלשון הגמרא] התורה כיסתו. און דערנאָכדעם האָט מען געשטעלט אַ גזירה שוה, [כדי] מ'זאָל וויסן 'ווער' דאָס איז.

[וקשה] ממה נפשך, אַז איך זאָל זאָגן אַז ס'איז דאָ אַ גְּזֵירָה שָׁוָה האָט מען מיט דעם מְגַלֶּה געווען [וכדמוכח מדברי הגמרא, אם כן] זעה איך דאָך האָט מען דאָך יאָ געוואָלט מְגַלֶּה זיין, נו פאַרוואָס האָט מען ווידער דאָרט [במקומו] מְכַסֶּה געווען, אַז ס'איז אַ זאַך וואָס ס'איז דאָ דערויף אַ גְּזֵירָה שָׁוָה, און ס'מוז זיין מוּפְנֶה[ו] [גם במקומו, ואם כן סוף סוף לא העלימתו התורה[ז], א"כ למה נאמר שם הענין בלשון סתום כזה, דמשמע שהתורה רצתה לכסותו, ורק לבסוף גילתו].

טו

# ישוב הקושיות בפרשת בְּנוֹת צְלָפְחָד

## הקדמה לישוב קושיא ו-ט

לכאורה יש להבין מה היה נוגע לשאלתם להזכיר שצלפחד אביהם לא היה בַּעֲדַת קֹרַח

דאָס ענין דערפון.

זיי האָבן געזאָגט וְהוּא לֹא הָיָה בַּעֲדַת קֹרַח, [ולכאורה] וואָס איז אַ נַפְקָא מִינָהּ

---

[ה] כמו שהקשינו כעין זה לעיל (במה שיודפס אי"ה בחלק ב' של הקונטרס) לענין זמרי בן סלוא, דבמקומו בסוף פרשת בלק לא הזכיר מי הוא, וכאן בפרשת פינחס הזכיר שמו.

[ו] פירוש פנוי, והיינו שהתיבה של הגזירה שוה יהא מיותר, כדי ללמד לנו על הקשת הגזירה שוה, וכמו שרגיל לשון זה בכ"מ בש"ס [ושכשהוא 'מופנה' למדין ואין משיבין, והיינו אין יכולין להקשות פירכא על הגזירה שוה כשהוא מופנה, משא"כ באינו מופנה. ובמופנה מצד אחד איכא פלוגתא בדבר אם למידין ואין משיבין]. ובכאן בשתי המקומות לשון 'במדבר' הוא מיותר, דלפי פשוטו מה בא להשמיענו בזה שהיו במדבר, והלא ידוע הוא, ולמאי נפקא מינה זה (וע"ע בהערה שאחר זה).

[ז] דכיון שהוא גזירה שוה 'מופנה', כמאן דכתיב בקרא להדיא דמי, כמו שפירש ברש"י דלעיל. וכמבואר עוד בגמרא ורש"י בכ"מ, ולדוגמא בגמרא שבת (סד.): תלמוד לומר בֶּגֶד וְעוֹר, בֶּגֶד וְעוֹר, לגזירה שוה. נאמר בֶּגֶד וְעוֹר בשרץ, ונאמר בֶּגֶד וְעוֹר במת, מה בֶּגֶד וְעוֹר האמור בשרץ עשה דבר הבא מזנב הסוס ומזנב הפרה כמעשה עזים, אף בֶּגֶד וְעוֹר האמור במת עשה דבר הבא מזנב הסוס ומזנב הפרה כמעשה עזים. ומופנה [פירש"י: דבגד ועור מופנין למדרש זה, שלא יהו צריכין לגופן, ומאחר שמופנין ללמוד גזירה שוה, הוי ליה כמאן דכתיב דרשא בקרא בהדיא, ואין משיבין עליה], דאי לאו מופנה [אמרינן לגופן באו, ולא ילפינן להא מילתא מינייהו, כי] איכא למיפרך מה לשרץ שכן מטמא בכעדשה וכו'.

'וואָס' ער איז געווען, און ווער ער איז געווען. [ואפילו לשבח אביהם לכאורה לא היה צורך להגיד זה, דהיה סגי להם לתבוע בדרך] פָּשׁוּט, ס'קומט דאָך אים זיין חֵלֶק [באחוזת] נַחֲלָה.

טז

אמנם ביאור הענין, דבכדי שיטלו חלק אביהם בנחלת הארץ, הוצרכו להקדים שני ענינים, א' לברר אם בנות יורשות כלל במקום שאין בן, והב' לברר שמגיע לצלפחד עצמו חלק בארץ, ויען שאמרו דעדת קרח אין להם חלק בארץ, לכן הקדימו שהוא לא היה בעדת קרח, ושפיר מגיע לו נחלה אף שמת בחטאו

נאָר וואָס'זשע דען, דאָ איז דאָך אָבער דאָ, זיי האָבן אָבער דאָ צוויי זאַכן גע'טַעֲנֶה'ט, דאָ איז דאָך געווען צוויי [שאלות].

קודם האָט מען נאָכנישט געוואוסט דעם דין אַז אִם אֵין לוֹ בֵּן וְהַעֲבַרְתֶּם אֶת נַחֲלָתוֹ לְבִתּוֹ, אַז ס'קומט פאַר די טעכטער יְרוּשָׁה [בכלל], אַז די בָּנוֹת [זענען] יוֹרְשׁוֹת.

[און] עקסטערדעם [אפילו בשכבר נדע דגם הבנות יורשות כשאין בן, אמנם] ווען ער העט גיוען געווען בַּעֲדַת קֹרַח, ברענגט דאָך די גמרא אַ ברייתא[ח] [אַז] עֲדַת קֹרַח אֵין לָהֶם חֵלֶק בָּאָרֶץ, זיי האָבן גאָרנישט געהאַט מֵעִיקָּרָא קיין חֵלֶק בָּאָרֶץ, [וממילא] אפילו ווען ס'העט גיווען געווען אַ יוֹרֵשׁ, - און גאָר אַ בֵּן, נישט קיין בַּת, וואָס מ'האָט געוואוסט זיכער אַז ער איז יוֹרֵשׁ, - האָט ער גיווען אויך נישט געהאַט וואָס צו יַרְשֶׁ'נֶען.

איבערדעם האָבן זיי [קודם] גע'טַעֲנֶה'ט וְהוּא לֹא הָיָה בַּעֲדַת קֹרַח.

יז

אמנם יען שדרשו עוד 'לָאֵלֶּה' תֵּחָלֵק הָאָרֶץ, 'כָּאֵלֶּה', דהיינו לכשרים וצדיקים כמותכם.
על כן עדיין הוצרכו לתרץ למה מגיע לצלפחד חלק בארץ, אף שמת 'בחטאו'

נאָר וואָס'זשע דען [אכתי גם זה לא מספיק, שהרי] ס'שטייט דאָך דאָ אין ספרי[ט], שטייט דאָך אָבער 'לָאֵלֶּה' תֵּחָלֵק הָאָרֶץ, לָאֵלֶּה, [אל] אנשים כשרים כמותכם. לָאֵלֶּה פאַר אַזאָלעכע ווי דעס וואָס ס'איז געווען 'דעס דוֹר' וואָס ס'איז אַריינגעגאַנגען קיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל [שהיו כולם צדיקים וכשרים], נאָר פאַר 'די' [איז] תֵּחָלֵק את הָאָרֶץ.

און דער רשב"ם אין בבא בתרא[י] ברענגט עס פאַר אַ פְּשִׁיטוּת, אַז ס'איז געווען [חלוקת הארץ] נאָר פאַר כְּשֵׁרִים, און נאָר צַדִּיקִים האָבן געהאַט אַ חֵלֶק בָּאָרֶץ, [די] וואָס זיי האָבן מְקַיֵּם געווען תּוֹרָה וּמִצְוֹת אַזוי ווי 'דעס דוֹר' [של באי הארץ, וכדדרשינן לָאֵלֶּה, 'כָּאֵלֶּה']. אַזוי דַּרְשֶׁ'נט דער ספרי דאָרטן.

---

[ח] בגמרא בבא בתרא (קיז.): היה מיוצאי מצרים, נוטל חלקו עם יוצאי מצרים. היה מבאי הארץ, נוטל חלקו עם באי הארץ. מכאן ומכאן, נוטל חלקו מכאן ומכאן. מרגלים יהושע וכלב, נטלו חלקם. מתלוננים ועדת קרח לא היה להם חלק בארץ, הבנים נטלו בזכות אבי אביהן ובזכות אבי אמותיהן.

[ט] מובא בפי' רשב"ם שם, וכדלהלן.

[י] בפי' רשב"ם על הגמרא בבא בתרא (קיז. ד"ה כאלה): ובסיפרי כתב, מה תלמוד לומר לָאֵלֶּה תֵּחָלֵק הָאָרֶץ, מפני כְּשֵׁרִים וּקְדוֹשִׁים. כלומר לאפוקי רְשָׁעִים שבהן, שלא היה להן חֵלֶק בה. ואפילו בניהן אינן זוכין בה בשביל אביהן, אלא בזכות זקניהם אם היו מיוצאי מצרים, כדאמרינן לקמן (קיז:) בני מרגלים ומתלוננים נטלו בזכות אבי אביהן, ובזכות אבי אמותיהן.

יח

דער **אור החיים הקדוש** ברענגט עס אויך[יא], נאָר דער **רשב״ם** זאָגט עס פּאַר אַ פַּשְׁטוּת דאָרט.

על כל פנים איז דאָך דאָס אַ **ספרי**, אַז ׳**לָאֵלֶּה**׳ **תֵּחָלֵק הָאָרֶץ** [לכשרים וקדושים כמותכם].

יט

[ואם כן] לכאורה איז דאָך גאָר [אכתי קשה], אַז **צְלָפְחָד** איז געווען אַ **מְקֹשֵׁשׁ עֵצִים בְּיוֹם הַשַּׁבָּת**, ער איז געווען אַ **מְחַלֵּל שַׁבָּת**, האָט ער דאָך [ווייטער] נישט געהאַט קיין **חֵלֶק בָּאָרֶץ**, [ואם כן] פאַרוואָס האָבן זיי עפּעס געפאָדערט עפּעס אַ **נַחֲלָה**.

מ׳האָט טאַקע נאָכנישט געוואוסט דעם דין אַז **אִם בֵּן אֵין לוֹ וְהַעֲבַרְתֶּם אֶת נַחֲלָתוֹ לְבִתּוֹ**, ס׳איז דאָך אַ טאָפּלטע זאַך [היה תלוי בשאלתם, אָבער] קודם דאַרף מען גאָר וויסן צי ער האָט [בכלל] אַ **חֵלֶק בָּאָרֶץ**.

כ

והתירוץ על זה הוא כמו שהביאו בתוספות בשם המדרש, כי **צְלָפְחָד לְשֵׁם שָׁמַיִם נִתְכַּוֵּן**, דלפי שהיו ישראל אומרים דכיון שנגזר עליהן שלא ליכנס לארץ ממעשה מרגלים, שוב אין מחויבין במצות, לכן עמד וחילל שבת כדי שֶׁיֵּהָרֵג, וייראו אחרים מלעבור על המצות. ונמצא שבאמת לא היה חוטא צלפחד, רק עשה לשם שמים, בבחינת גדולה עבירה לשמה, ושפיר מגיע לו חלק בארץ

נאָר וואָס׳זשע דען.

דער **מדרש** זאָגט דאָך[יב] אַז **צְלָפְחָד לְשֵׁם שָׁמַיִם נִתְכַּוֵּן**. [ווי] **תוספות**[יג] ברענגט דאָך דעם מדרש.

זאָגט **תוספות** [לבאר, כי] ער האָט געמיינט **לְשֵׁם שָׁמַיִם**, [ווייל] מ׳האָט געוואוסט [לאחר המרגלים כי] מ׳בלייבט אין די **מִדְבָּר**, [והיו אומרים ישראל] אַז מ׳דאַרף נישט האַלטן קיין **תּוֹרָה**, האָט ער [צלפחד] געוויזן אַז מ׳זאָל האַלטן די **תּוֹרָה**, האָט ער

---

[יא] **באור החיים הק׳** (כו, נג): **לָאֵלֶּה תֵּחָלֵק הָאָרֶץ וגו׳.** אומרו **לָאֵלֶּה**, נחלקו רבותינו ז״ל בפרק יש נוחלין (בבא בתרא שם) וזה לשונם, ר׳ יאשיה אמר ליוצאי מצרים נתחלקה הארץ, שנאמר **לִשְׁמוֹת מַטּוֹת אֲבֹתָם יִנְחָלוּ**, אלא מה אני מקיים לאלה וגו׳, לאלה וכו׳ להוציא את הטפלים, פירוש שלא יחלק אלא ליוצאי מצרים מבן עשרים. ור׳ יונתן אומר לבאי הארץ נתחלקה, שנאמר **לָאֵלֶּה תֵּחָלֵק הָאָרֶץ בְּנַחֲלָה**, אלא מה אני מקיים **לִשְׁמוֹת מַטּוֹת אֲבֹתָם יִנְחָלוּ**, משונה נחלה זו וכו׳, וכאן מתים יורשים החיים וכו׳, עד כאן וכו׳ [ועיין שם ביאור הפלוגתא במשמעות הכתוב].

**וראיתי ברייתא אחת וזה לשונה, לָאֵלֶּה, בני כְּשֵׁרִים וּקְדוֹשִׁים, להוציא רשעים שבהם, שלא היה להם חלק ונחלה, והוכיחו הדברים מבני המרגלים ומתלוננים. וסברא זו הולכת לדרכו של ר׳ יאשיה שאמר ליוצאי מצרים נתחלקה, ולזה כשאמר לָאֵלֶּה, ׳כאלה׳ שהיו צדיקים כולם, מיעט הרשעים שהיו ביוצאי מצרים שהם המרגלים, שלא נטלו בניהם חלקם. ונראה שאין דרשה זו דלמעט רשעים דוחקת דרשתינו דלמעט יוצאי מצרים פחות מבן עשרים, ולא להיפך, כי כולן נשמעים יחד ממאמר ׳כאלה׳, כל שאינו כאלה, בין במספר בין בצדקות, אינו בכלל החלוקה.**

[יב] מובא בדברי התוספות דלהלן. [ועיין עוד כעין זה ובאופן אחר, בדברי התרגום יונתן המובא להלן בדברי המהרש״א].

[יג] **בתוספות בבא בתרא** (קיט: ד״ה אפילו)**: נראה לרשב״א, דסבר לה כמאן דאמר** (שבת צו:) **צלפחד היינו מקושש, ומעשה המקושש היה בתחלת ארבעים, מיד אחר מעשה מרגלים. דאמר ׳במדרש׳, דלשם שמים נתכוין, שהיו אומרים ישראל כיון שנגזר עליהן שלא ליכנס לארץ ממעשה מרגלים, שוב אין מחוייבין במצות, עמד וחילל שבת כדי שֶׁיֵּהָרֵג, וייראו אחרים.**

KolSatmar.com

**געוויזן** [כי] **אַז מ'איז מְחַלֵּל שַׁבָּת קומט מִיתָה,** [שהרי] **ער האָט דאָך געוואוסט אַז מ'וועט אים הַרְגֶ'נען אַז ער איז מְחַלֵּל שַׁבָּת, וועט מען געוואָר ווערן** [שצריכין לקיים המצות אף כשאין באים לארץ]**, כדי מ'זאָל זען און מ'זאָל וויסן** [אַז] **אַ מְחַלֵּל שַׁבָּת קומט מִיתָה,** [וכן בשאר עבירות אם יעברו יענשו].

[ונמצא] **ער האָט גאָר געמיינט לְשֵׁם שָׁמַיִם.** [והיתה זה בבחינת גדולה 'עבירה לשמה' ממצוה שלא לשמה (נזיר כג:)].

כא

ובמהרש"א ביאר עוד דכיון שעשה כן רק עבור שייראו אחרים, נמצא דבאמת היתה מלאכה שאין צריכה לגופה, ולא היה בזה חילול שבת מן התורה. [ומכל מקום כיון שהוא דבר התלוי בלב, ולפי המעשה הגלוי נמצא שחילל השבת, על כן בבית דין שלמטה נידון לסקילה. ועוד שאם לא היה מת, אז היה נמצא למפרע שהחילול השבת היה בחנם]. אבל עכ"פ באמת עדיין מגיע לו חלק בארץ

**דער מהרש"א**[יד] **פלאָגט זיך אפילו** [דערויף, שהרי] **פונדעסטוועגן** [אכתי קשה] **ווי מעג מען איבערדעם** [גיין] **מְחַלֵּל שַׁבָּת זיין לכתחילה.**

**ער פלאָגט זיך** [דערויף]**, און** [ער] **זוכט תְּירוּצִים** [דלפי כוונת צלפחד באמת היתה מלאכה שאינה צריכה לגופה, וממילא לא חילל את השבת][טו].

---

[יד] **במהרש"א בבא בתרא** (קיט. ד"ה וראויה)**: בפרק הזורק** (שבת צו:) **קאמר רבי עקיבא מקושש זה צלפחד** וכו' עיי"ש. וכך אמרו **במדרש**, שאמרו בנותיו כִּי בְחֶטְאוֹ מֵת, הוא המקושש וכו'.

ואפשר לומר שאמרו בנותיו כן לחוס על זרעו, ועל פי מה שכתב **תרגום יונתן** בפרשת שלח לך (טו, לב) בפסוק וַיִּהְיוּ בְנֵי וגו', [וַהֲווֹ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל שָׁרְיַין בְּמַדְבְּרָא, גְּזֵירַת שַׁבְּתָא אִשְׁתְּמוֹדַע לְהוֹן, בְּרַם קְנָסָא דְשַׁבְּתָא לָא אִשְׁתְּמוֹדַע לְהוֹן] קָם גַּבְרָא מִדְּבֵית יוֹסֵף אָמַר בְּמֵימְרֵיהּ אֵיזִיל וְאֶתְלוֹשׁ קֵיסִין בְּיוֹמָא דְשַׁבְּתָא וְיֶחֱמוּן יָתִי סַהֲדַיָא וִיתַנּוּן לְמשֶׁה, וּמשֶׁה יִתְבַּע אוּלְפַּן מִן קֳדָם ה' וְיִדּוֹן יָתִי, וּבְכֵן אִשְׁתְּמוֹדַע קְנָסָא לְכָל בֵּית יִשְׂרָאֵל וכו', עיי"ש. **והשתא בנותיו התנצלו בזה בעבור אביהם**, ואמרו כמו שאתה לא ידעת באיזו מיתה ימות, **גם זה היה כוונתו**, כדי שידעו באיזה מיתה דנין המחלל שבת. וזהו שאמרו בְּחֶטְאוֹ 'מֵת', לא חטא רק כדי שיהיה מֵת, וידעו באיזה מיתה דנין המחלל שבת.

**ויש שָׁאֲלוּ בזה בתרגום יונתן, היאך חָטָא באיסור שבת כדי לידע באיזה מיתה דנין המחלל שבת.**

ויש לומר, כיון שלא היה צריך למלאכה זו אלא לידע באיזו מיתה כו', הוי ליה **מלאכה שאינה צריכה לגופה**, כמו (שבת עג:) חופר גומא ואין צריך אלא לעפרה, שהוא פטור לרבי שמעון.

**ומיהו הוא ודאי דהיה חייב מיתה בדיני אדם, שלא ידעו העדים שהתרו בו שהוא עשה על דעת זו, ואינן אלא דברים שבלב**, ודנין היו אותו למיתה על פי העדות.

וכן יש לומר לפי המדרש שכתבו התוספות לקמן, **דצלפחד היינו מקושש** והיה בתחלת ארבעים שנה, **ולשם שמים נתכוין, שהיו אומרים כיון שנגזר עליהם שלא ליכנס לארץ ממעשה המרגלים שוב אין חייבים במצות, עמד וחילל שבת, כדי שיהרג ויראו אחרים**, עד כאן לשונם, **דהוי ליה נמי מלאכה שאינה צריכה לגופה**, וק"ל.

[טו] וכן מתרץ **בקדושת לוי** (פרשת שלח) **וז"ל: חכמינו ז"ל אמרו מקושש לשם שמים נתכוין**, שידעו העולם הגם שנגזר עליהם למות במדבר אף על פי כן חייבים לשמור התורה והמצות, עיין במדרשי חכמינו ז"ל. ולכאורה תמוה, **אף על פי כן האיך חילל שבת**. אמנם חכמינו ז"ל אמרו (שבת קה: ועוד) **מלאכה שאינה צריכה לגופה פטור עליה**, והנה הכא נמי, כיון שלא היה בדעתו לקושש עצים לצרכו, שלא היה צריך כלל, רק נתכוין שיתקדש שם שמים על ידו, **אם כן הוא מלאכה שאינה צריכה לגופה, אם כן לא חילל שבת כלל**. רק סקלוהו עבור 'העולם' שלא ידעו מזה כפשט המדרש.

ועיין בס"ג פינחס תשט"ז מה שהעיר שם רבינו על תירוץ זה וז"ל: דער מהרש"א וויל מְצַדֵּד זיין אַז ס'איז אַ מלאכה שאינה צריכה לגופה, ווייל ער האָט נישט געברויכט די מלאכה. אָבער דאָס אַליין איז אויכעט שווער, וואָרן [אין] די הלכה וועט אויסקומען [לפי זה] אַ זאַך וואָס ס'איז מְרַפְּסִין אִיגְּרָא, [כי] אַז מ'האָט עפּעס אַן אַנדערן טַעַם, אַז איך ברויך נישט די מלאכה, הייסט עס שוין אַ מלאכה שאינה צריכה לגופה, אַזוי קומט אויס [לדברי מהרש"א]. נו לפי זה קומט אויס, [דבאופן] אַז מ'וועט זאָגן [שעשה זאת] מאהבה או מיראה, אַז מ'טוט עפּעס פון יענעמ'ס וועגן, צי [סיי] וואָס מ'זאָל זאָגן אַן אַנדערן טַעַם, הייסט עס אַ

KolSatmar.com

כב

[אָבער] **על כל פנים ער האָט דאָך געמיינט לְשֵׁם שָׁמַיִם,** [אַז] **אדרבה ער זאָל מוֹנֵעַ זיין אידן פון חִילוּל שַׁבָּת.**

כג

אמנם יען שענין זה אם צלפחד באמת נתכוון לשם שמים, הוא דבר התלוי בלב, על כן אין יכולין לדון זה בבית דין שלמטה אם מגיע לו חלק בארץ. וכמו שאמרו בגמרא דחייבי מיתה בבי"ד שלמטה אין מועיל להם תשובה להפטר ממיתה, וביאר הנודע ביהודה והחיד"א דהטעם לפי שתשובה תלוי בפנימיות הלב, ואין אדם יכול לידע זה אם כוונתו אמיתית, אלא רק הבוכ"ע שהוא בוחן כליות ולב, ולכן רק בבי"ד שלמעלה מהני תשובה להפטר מעונש, ולא בבי"ד שלמטה

**און ממילא** [וויבאַלד] **אַז דאָס איז נאָר אַ 'כַּוָּנָה' לַשָּׁמַיִם** [דהוא דבר התלוי 'בלב'], **איבער 'דעם' קאָן מען דאָך נישט דַּן זיין ביים בֵּית דִּין שֶׁלְּמַטָּה** [שיפטר, והיה חייב מיתה על מעשיו, כי דבר התלוי בלב אין מועיל לזכותו בבית דין שלמטה רק בבית דין שלמעלה].

**אַזוי ווי דער נודע ביהודה**[טז] **זאָגט דאָך,** [לבאר] **פאַרוואָס ביי ארבע מיתות בית דין** [אין מועיל 'תשובה' להפטר"[יז], והלא] **דער כְּלַל איז דאָך** (ירושלמי פאה פ"א, ה"א) **אֵין לְךָ דָּבָר**

---

מלאכה שאינה לגופה. ○ [ובאמת ענין] מלאכה שאינה צריכה לגופה אַליין, זעהט אויס [אַז דאָס איז] נאָר אַז בעצם המלאכה [היה זה באופן] אַז מ'מיינט עפּעס אַנדערש [ולא עשיית המלאכה. ווי] ס'איז דאָ דער **כסף משנה** (הל' שבת פ"א ה"ז, ועיין במגן אברהם ומחצית השקל סימן רעח) האָט דאָך מיט דעם צו טון, [ליישב] פאַרוואָס אַ דבר שאינו מתכוון [חייב בפסיק רישא], אַז דער מאן דאמר [רבי שמעון] וואָס לערנט [אַז] דבר שאין מתכוון [בפסיק רישא] איז אסור [מן התורה], און אַ מלאכה שאינה צריכה לגופה איז נישט אסור מן התורה, [והלא מכיון] ער איז גאָרנישט מְכַוֵּן [בדבר שאינו מתכוין, אם כן לא צריכה לגופה. ולתרץ זה] זאָגט ער ניין, ווייל אַז ער איז גאָרנישט מְכַוֵּן, איז עס 'דאָך' אַ מלאכה דאורייתא. נאָר אַז ער מיינט עפּעס אַנדערש אין די מלאכה אַליין, אין די עצם המלאכה, נישט אין תכליתה, אַז מ'מיינט די מלאכה אַליין [לכוונה אחרת], למשל החופר גומא ואינו צריך אלא לעפרה (שבת עג:), ער האָט געגראָבן דעם גרוב וועגן דעם עָפָר [הנצרך לו], טוט ער די מלאכה אַליין וועגן אַן אַנדערע כַּוָּנָה, אַן אַנדער מְכֻוָּן, [דעמאָלטס] איז עס אַ מלאכה שאינה צריכה לגופה. אָבער אַז ער טוט די מלאכה און ער האָט נישט קיין אַנדערע כוונה, ער טוט די מלאכה אַזוי ווי ס'איז, נאָר ער האָט אַ טַעַם דערביי אַן אַנדערן, [וכגון] ער האָט אַ טַעַם כדי יענער זאָל האָבן, צי וואָס אַ טַעַם ער האָט, צי מאהבה או מיראה, – אַזוי ווי ער זאָגט דער **פני יהושע** (שבת עב: ד"ה בתוס' הניחא לאביי), – איז שווער צו זאָגן [אַז] דאָס זאָל הייסן אַ מלאכה שאינה צריכה לגופה. [וע"ע בזה בדברי רבינו בס"ג **שלח תשכ"ו**].

[טז] בשו"ת **נודע ביהודה** (מהדו"ק או"ח סימן לה). ורבינו הזכיר ענין זה בכ"מ באותה תקופה, וכגון בס"ג **שובה תשי"ד** (בדברי יואל שובה אות ז), וס"ג **אמור תשי"ד** (לשון קדשו קונטרס קצא, אות יט-כ) וס"ג **מצורע תשי"ד** (לשון קדשו רלו, אות לח).

ונעתיק לשון רבינו בזה **בויואל משה** (א, עב) וזה לשונו: **ובגמרא מלקות** (יג:) **דחייבי כריתות אם עשו תשובה, בית דין של מעלה מוחלין להם, חייבי מיתות בית דין אם עשו תשובה, אין בית דין של מטה מוחלין להם.**

וכתב **החיד"א בספרו שמחת הרגל** (על הגדה של פסח, בלימוד ג') וזה לשונו: **דהטעם הוא, דאף דאנו רואים שמקבל עליו סיגופים קשים והושחרו שיניו מפני התענית, מ"מ כיון שעיקר התשובה היא בלב, דאפשר שהאדם יראה לעינים פרישותו וקדושתו וסיגופיו, וזמנין דלבו לא נכון עמו, לכן מלקין וממיתין אותו, כי בוחן לבות אלקים, ומי עלה שמים לדעת אם תשובתו אמיתית, ולכן אין מועלת תשובה לחייבי מיתות ומלקיות, עכ"ל.** ואם כן מבואר בדבריו, שבודאי לפי המדה היה מועיל תשובה לפוטרו מהחיוב מיתה או מלקות, אלא שאי אפשר למסור זה לבית דין שלמטה.

**גם הנודע ביהודה** בתשובה סימן ל"ה שהוצרך לומר הטעם שאינו מועיל בזה תשובה, **משום דאם לא כן בטלו כל דיני מיתות בית דין**, והוכיח מזה שאין לתעניתים וסיגופים עיקר מן התורה. צריך לומר גם כן, דסובר דמצד המדה היה מועיל תשובה, אלא שאי אפשר למסור זה לבית דין של מטה. **אלא סברתו דאף שבית דין של מטה אי אפשר להם לידע פנימיות לבבו**, אבל על כל פנים מידי ספיקא לא נפקא, וספק נפשות להקל, לכן הוצרך בזה לומר הטעם דאם כן בטלו כל דיני מיתות בית דין. ובתעניתים וסיגופים האריך לומר דיש סיגופים שאי אפשר לומר בהם איערומי קא מערים, ובכהאי גוונא הוי ליה למיפטר, ועל כן הוכיח מזה

KolSatmar.com

**שֶׁעוֹמֵד בִּפְנֵי הַתְּשׁוּבָה**, [ואם כן] אַז יענער טוט תְּשׁוּבָה האָט ער שוין נישט קיין חֵטְא, און לכאורה ווען מ׳גייט אים הַרְגֶ׳נען, אפשר איז גאָר אַז ער טוט תְּשׁוּבָה, [אָדער] זאָל מען אים אַרויסגעבן אַ תְּשׁוּבָה.

זאָגט דער **נודע ביהודה**[יח] פאַרוואָס [אינו מועיל תשובה בבי״ד שלמטה], **ווייל דער עִיקָר תְּשׁוּבָה איז דאָך נאָר אַ פְּנִימִיּוּת הַלֵּב**, און ׳דאָס׳ קאָן **קיין מענטש נישט וויסן**, [וממילא] דאָס האָט מען נישט איבערגעגעבן פאַר קיין **בֵּית דִּין שֶׁלְּמַטָּה**, די **תְּשׁוּבָה** [דיועיל להפטר מעונשו] איז נאָר פאַרהאַנדן פאַרן **בֵּית דִּין שֶׁלְּמַעְלָה**, אויבן, [ווייל] **הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** איז **יוֹדֵעַ מַחֲשָׁבוֹת**, [און ער] ווייסט צי ער האָט געטון **תְּשׁוּבָה** [באמת].

.. אָבער פאַרן **בֵּית דִּין שֶׁלְּמַטָּה** האָט מען דאָס נישט געקאָנט ׳איבערגעבן׳ [לפסוק בזה. ולכן למטה] קען מען נאָר פַּסְקֶ׳נען לויט דעם וואָס מ׳זעט [ממעשיו], וואָס אַ מענטש קען וויסן.

כד

[ואם כן כמו כן הכא] לכאורה דעס וואָס דאָ [איז געווען] **אַז צְלָפְחָד איז לשם שמים נתכוון**, נו דאָס קאָן דאָך נישט וויסן קיין מענטש, נו וואָס אַ פאָדערונג [האָבן זיי געהאַט שמגיע לו אחוזת נחלה], זיי זענען געקומען פאָדערן **דאָ איז דאָך על פי בית דין** [שלמטה] **זענען זיי געקומען פאָדערן**, [וענין זה אם היתה כוונת לבו לשם שמים] דאָס קאָן מען דאָך [וויסן] נאָר ׳אויבן׳ ביים **בֵּית דִּין שֶׁלְּמַעְלָה**, ווי דער נודע ביהודה זאָגט.

[ואם כן קשה וואָס] זיי זענען געקומען פאָדערן, און לכאורה ׳אים׳ איז דאָך גאָרנישט געקומען [קיין חֵלֶק בָּאָרֶץ, שהרי] ער איז דאָך געווען אַ מְחַלֵּל שַׁבָּת. און אַז ער אַליין האָט נישט געהאַט קיין חֵלֶק בָּאָרֶץ, האָבן זיי דאָך נישט געהאַט וואָס צו יַרְשֶׁ׳נֶען.

---

שאין לתעניתים וסיגופים עיקר מן התורה כלל. ואילו היה סובר דאפשר לומר שכך היא המדה שאף אם עשה תשובה באמת אינו מיפטר מהחיוב מיתה או מלקות, לא היה צורך לומר הטעם דאם כן בטלו כל דיני מיתות בית דין, גם לא היה לו שום הוכחה על הסיגופים שאין להם עיקר, אלא אף מה שהוא עיקר והוי תשובה גמורה אינו מועיל לפוטרו, ואין צורך עוד לטעמים אחרים. ועל כרחך שזה **כולי עלמא מודי שאין לך דבר שעומד בפני התשובה**, ומצד המדה הוי מיפטר בהתשובה, ולכן מועיל במיתה בידי שמים, כי המשפט לאלקים הוא, **אך במשפט בית דין של מטה אי אפשר לדון במה שתלוי בנקודת הלב.**

והחיד״א סובר, **שאף בסיגופים כאלו שלפי ראות העין אי אפשר שיהיה בו ערמה, גם בזה אי אפשר לידע נקודת הלב, שאי אפשר לבני אדם להבחין זה, זולת היודע מחשבות בלבד**, הוא ולא אחר. גם צריך לומר שסובר דכיון שאי אפשר לבית דין של מטה לידע בזה, לכן לא נמסר זה בידם אף לעשותו ספק.

**ובגמרא יבמות** (כב:) לא מצא דבר שאינו מועיל תשובה, אלא בא על הערוה והוליד ממזר, כיון שהממזר קיים. **ובתוספות** שם (ד״ה כשעשה) חידשו עוד דבמקום שמתחייב ח״ו נידוי, אינו מיפטר אף כשעשה תשובה. **ועל כל פנים זה ודאי שלא נמסר לבית דין של מטה אף לסנהדרין דבר שתלוי בנקודת הלב.**

וכיוצא בזה כתב ק״ז הישמח משה פרשת שמיני בדין אם קברי צדיקים מטמאין וכו׳, יעיין שם שהאריך.

[יז] כמבואר בגמרא מכות (יג:). וכמובא דברי הגמרא בתוך לשון הויואל משה דלעיל.

[יח] עיקר הענין מבואר בדברי החיד״א בשמחת הרגל, אבל רבינו מוכיח בויואל משה דלעיל, דגם הנודע ביהודה סובר כן, וכו״ע מודי בה. ורבינו היה רגיל להביא ענין זה בשם הנודע ביהודה, כיון שכתב דבריו בתשובה להלכה ולמעשה, ולא רק בדרך אגדה ודרוש.

KolSatmar.com

איי ער האָט געמיינט לְשֵׁם שָׁמַיִם, דאָס איז דאָך שוין אַ פְּנִימִיּוּת זאַך, אָבער בְּמַעֲשֶׂה האָט ער מְחַלֵּל שַׁבָּת געווען און מ'האָט אים פאַרשטיינערט, [ווייל] מ'האָט אַזוי געברויכט צו טון [על פי דין הבית דין שלמטה][יט], ממילא על כל פנים אפילו ס'איז **לשם שמים נתכוון**, [אָבער] דאָס ווייסט דאָך נאָר דער באַשעפער, [און] פון דעם קאָן מען נישט פַּסְקֶ'נען קיין דין [למטה], נו וואָס פאַר אַ פאָדערונג האָבן זיי געהאַט דאָ.

דעס קאָן זיין זאָגט דער פָּסוּק [וַיַּקְרֵב מֹשֶׁה אֶת מִשְׁפָּטָן **לִפְנֵי ה'** דייקא]. (וכדלהלן באות כו)

כה

**ישוב קושיא ו**

וזה שהקדימו בנות צלפחד לומר כִּי בְחֶטְאוֹ 'מֵת', והכוונה שהתקיימה מחשבתו הטובה שכיוון לשם שמים, שימיתוהו בכדי לייראות אחרים מלעבור על התורה, ונמצא שהיה בזה קידוש שם שמים, ולא חטא. ובזה טענו שבאמת מגיע לו חלק בארץ

[דהנה] זיי האָבן דאָ געפאָדערט זייער חֵלֶק, [וכדי שלא יאמרו שאין מגיע לאביהן חלק בארץ יען שחילל השבת], איבערדעם האָבן זיי געזאָגט [כהקדמה, כִּי] **בְחֶטְאוֹ 'מֵת'**, [והביאור בזה שהם אמרו הרי] 'דעס' איז דאָך געווען זיין כַּוָּנָה [שימיתו אותו, ועי"ז יתייראו ישראל מלחטוא][כ], און ווען ס'העט אים נישט גיוועזן געלונגען מ'זאָל אים הַרְגֶ'נען, העט ער דאָך גאָרנישט גיוועזן אויפגעטון, [שהרי] ער האָט דאָך געוואָלט [אַז] מ'זאָל ווייזן דערמיט מ'זאָל וויסן [כי] מְחַלֵּל שַׁבָּת איז בְּמִיתָה, און טאָמער העט נישט גיוועזן געלונגען עפּעס אַזוי אַז ביים בית דין איז בְּמִיתָה, דעמאָלטס הערשט העט ער גיוועזן געווען אַ מְחַלֵּל שַׁבָּת. נאָר ווייל ס'איז געווען **בְחֶטְאוֹ 'מֵת'**, האָט ער דאָך 'אויפגעטון' דעס וואָס ער האָט געוואָלט ווייזן, אַז מ'זאָל ווייזן **קִידּוּשׁ שֵׁם שָׁמַיִם**, מ'זאָל וויסן [אַז] מְחַלֵּל שַׁבָּת איז בְּמִיתָה.

כו

**ישוב קושיא ז**

אמנם היות שדבר התלוי בלב אי אפשר לפסוק בבית דין שלמטה, לכן וַיַּקְרֵב מֹשֶׁה אֶת 'מִשְׁפָּטָן', לִפְנֵי ה' דייקא, דרק הוא יתברך יכול לפסוק הדין בנידון כזה התלוי בפנימיות הלב

אָבער ביים בֵּית דִּין שֶׁלְּמַטָּה קען מען דאָס נישט פַּסְקֶ'נען.

איבערדעם שטייט **וַיַּקְרֵב מֹשֶׁה אֶת מִשְׁפָּטָן לִפְנֵי ה'**, [והכוונה שאמר משה] דאָס איז אַזאַ דִּין וואָס מ'קאָן 'דאָ' [בבית דין שלמטה] נישט פַּסְקֶ'נען, דאָס קאָן **נאָר דער באַשעפער** פַּסְקֶ'נען, ממילא אַן אַנדערער קען דאָך דאָס נישט [לפסוק בדבר התלוי בפנימיות הלב, באם צלפחד באמת לשם שמים נתכוון].

כז

[און] מֹשֶׁה רַבֵּינוּ האָט געוואוסט אַז ער קען צוקומען אייביג צום באַשעפער, ווי **רש"י** זאָגט[כא] **אַשְׁרֵי יְלוּד אִשָּׁה** [שכך מובטח], אויפן פסוק עִמְדוּ וְאֶשְׁמְעָה מַה יְצַוֶּה ה'

---

[יט] וכמבואר בדברי מהרש"א דלעיל.

[כ] וכן ביאר במהרש"א דלעיל בלשון הכתוב.

[כא] **ברש"י** בהעלותך (ט, ח): אמר להם עִמְדוּ וְאֶשְׁמְעָה [מַה יְצַוֶּה ה' לָכֶם], כתלמיד המובטח לשמוע מפי רבו.

KolSatmar.com

לָכֶם, [וכן] זאָגט דאָך דער מדרש[כב] אַשְׁרֵי יְלוּד אִשָּׁה, [וואָס] ער קאָן [אייביג] קומען פרעגן דעם באַשעפער.

איבערדעם האָט אים נאָר דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים געקענט דאָס פַּסְקְ'נען. [ולכן נאמר וַיַּקְרֵב מֹשֶׁה אֶת 'מִשְׁפָּטָן', לִפְנֵי ה' דייקא][כג].

כח

**ישוב קושיא ח**

ועל זה השיב לו הקב"ה על ב' השאלות, חדא דבאמת מגיע לצלפחד עצמו חלק בארץ, ועל זה אמר כֵּן בְּנוֹת צְלָפְחָד דֹּבְרֹת במה שאומרות שאביהם צלפחד לשם שמים נתכוון, ואם כן שפיר מגיע לו נחלה בארץ. והשנית נָתֹן תִּתֵּן לָהֶם אֲחֻזַּת נַחֲלָה וגו', דלאחר שיש לצלפחד נחלה ואין לו בן, הבנות יורשות במקום בן. וכן לדורות, וְאֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל תְּדַבֵּר לֵאמֹר וגו', דכשאין בן יורשת הבת

איבערדעם דער בורא כל עולמים האָט געענטפערט טאַקע אויף דיביידע זאַכן אַ תְּשׁוּבָה.

קודם האָט ער געענטפערט תְּשׁוּבָה אַז די בְּנוֹת צְלָפְחָד זענען גערעכט [מיט דעם וואָס זיי האבן געזאָגט אַז] ער האָט געמיינט לְשֵׁם שָׁמַיִם, און ס'קומט אים אַ נַחֲלָה.

דערנאָכדעם ווידעראום די הלכה ווידער, [אַז] אִם אֵין לוֹ בֵּן וְהַעֲבַרְתֶּם אֶת נַחֲלָתוֹ לְבִתּוֹ.

הקדוש ברוך הוא האָט אים צוויי זאַכן געענטפערט.

כט

און די הֲלָכָה [של ירושת הבת] האָט מען דאָך נאָכנישט געוואוסט, אפילו ווען ס'קומט 'אים' [אַ נחלה, עדיין לא ידעו] צי ס'קומט [חלקו] פאַר 'זיי' [לבנותיו, או לאחיו].

[אָבער צו דעם] האָט מען קודם געדאַרפט האָבן דעם דין, צי ס'איז 'אים' אַליין געקומען [אַ חלק בארץ].

ל

איבערדעם איז נישט איבעריג דער פָּסוּק.

דער בורא כל עולמים האָט קודם געזאָגט כֵּן בְּנוֹת צְלָפְחָד דֹּבְרֹת, אַז זיי זענען גערעכט מיט דעם אַז ס'קומט אים אַ נַחֲלָה, ווייל ער האָט געמיינט לְשֵׁם שָׁמַיִם.

[און] עקסטערדעם האָט מען דאָ מְחַדֵּשׁ געווען דאָ די הלכה, נָתֹן תִּתֵּן 'לָהֶם', [וכן לדורות מי שאין לו בן] וְהַעֲבַרְתֶּם אֶת נַחֲלָתוֹ לְבִתּוֹ.

איבערדעם ליגט דאָ, די ביידע זאַכן ליגן דאָ אין דעם פָּסוּק.

---

אשרי ילוד אשה שכך מובטח, שכל זמן שהיה רוצה היה מדבר עם השכינה.

[כב] בספרי (בהעלותך, פסקא י): עִמְדוּ וְאֶשְׁמְעָה. כאדם שאומר אשמע דבר מפי רבי. אשרי ילוד אשה שכך היה מובטח, שכל זמן שהיה רוצה היה מדבר עמו.

[כג] ועיין בחינה זו גם בדרוש לשביעי של פסח תשט"ז, ובס"ג פנחס תשט"ז, עקב תשכ"ב, ובדרשה בירושלים בשב"ק פנחס תשי"ב ופנחס תשכ"ה.

KolSatmar.com

לא

**ישוב קושיא ט**

ובזה מיושב גם כן מה שבמקומו כיסתה התורה
מי הוא המקושש, ורק בפרשתן גילתה שהוא צלפחד

על כל פנים מיט דעם איז רעכט פאַרוואָס דער פסוק **באַדעקט** 'קודם' [מי היה המקושש עצים].

לב

כי מתחילה בשעתו הרי דנוהו בבית דין שלמטה כדין מחלל שבת, וסקלוהו, ואם כן הוי בזיון לאותו צדיק לגלות שהוא היה המקושש, אבל בכאן בפרשת בנות צלפחד הרי נתגלה לכל במאמר כֵּן בְּנוֹת צְלָפְחָד דֹּבְרֹת, שהסכים הקב"ה על ידו שהיה צדיק ולשם שמים נתכוון, על כן מעתה שוב אין בזה בזיון לאותו צדיק, ולכן גילתה התורה כאן ע"י הגזירה שוה שצלפחד הוא המקושש

[ווייל פון] **פריער האָט מען דאָך געוואוסט** [רק 'המעשה' שלו, ואם כן לפי הפסק בבית דין שלמטה נמצא כי] **דערפריער** איז ער דאָך געווען אַ מְחַלֵּל שַׁבָּת, [און] **ווער האָט** דען געוואוסט אַז ער האָט 'געמיינט' לְשֵׁם שָׁמַיִם, וואָרן **ביים בית דין של מטה** קען מען דאָך דאָס נישט פַּסְקֶ'נען, האָט מען דאָך **אויף 'דעם'** עולם נישט געוואוסט אַז ער האָט נאָך 'אויפגעהאַלטן' דעם שַׁבָּת [שהעמיד וקיים את השבת ביד אחרים, שלא יחללוהו], האָט מען דאָס נישט געוואוסט.

[וממילא 'פריער'] איז דאָס געווען אַ 'בִּזָּיוֹן' לְאוֹתוֹ צַדִּיק, האָט מען נישט געוואָלט מְגַלֶּה זיין [שהיה זה צלפחד, ולכן נכתב בסתם] **וַיִּמְצְאוּ 'אִישׁ' מְקֹשֵׁשׁ עֵצִים**, [דמקודם] **האָט** מען אים נישט געוואָלט מְגַלֶּה זיין.

לג

אָבער **דאָ אָט** [בפרשת פינחס] **ווען** זיי זענען געקומען טַעֲנֶה'ן ביי 'דער' פרשה [דבנות צלפחד], **דאָ** האָב מיר די גְּזֵירָה שָׁוָה, שטייט שוין **'אָבִינוּ' מֵת 'בַּמִּדְבָּר'**.

ווייל אַז ס'איז געקומען דאָ אַהער, **דאָ** איז דאָך שוין נִתְגַּלֶּה געוואָרן [ממאמר הקב"ה] **כֵּן בְּנוֹת צְלָפְחָד דֹּבְרֹת**, [שאמת הוא מה שאמרו בטענת כִּי] **בְּחֶטְאוֹ מֵת**, אַז ער האָט געמיינט לְשֵׁם שָׁמַיִם. [און] **הקדוש ברוך הוא הסכים על ידו** [באומרו] **כֵּן בְּנוֹת צְלָפְחָד דֹּבְרֹת**, אַז ער האָט געמיינט לְשֵׁם שָׁמַיִם.

[וממילא] **דאָ** שטייט דאָך שוין אַז ער איז געווען **אַ צַדִּיק**, טאַקע מיט 'דער' מַעֲשֶׂה אַליין [של קשישת העצים בשבת. וממילא] **האָט** מען שוין געמעגט **מְגַלֶּה זיין** [שהוא היה המקושש, דמעתה] איז עס נישט קיין בִּזָּיוֹן.

איבערדעם **דאָ** שטייט שוין דעס הִתְגַּלּוּת.

לד

איבערדעם איז רעכט, איז נישט קָשֶׁה [הלא] **התורה כיסתו** [ולבסוף גילתו].

פאַרוואָס, [ווייל] 'פריער' איז געווען **התורה כיסתו**, און 'דאָ' האָט מען אים מְגַלֶּה געווען, ווייל דאָ איז שוין אַרויסגעקומען אַז ס'איז נישט קיין בִּזָּיוֹן לְאוֹתוֹ צַדִּיק, האָט מען שוין מְגַלֶּה געווען 'ווער' ער איז געווען.

KolSatmar.com

צט

## ברכת הקודש

מ׳זאָל מיר האָבן די זְכִיָּה האָבן [אַז] בִּמְהֵרָה זאָל
3 מיר זוֹכֶה זיין צו דערלעבן די יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה.
ס׳זאָל זיין יִרְאוּ עֵינֵינוּ וְיִשְׂמַח לִבֵּינוּ.
הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ זאָל מְשַׂמֵּחַ זיין לְבָבוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, מיט די ׳יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה׳.
׳דאָס׳ איז דאָך די חֶמְדַּת יִשְׂרָאֵל[כד], וואָס אידן האָפן.

[וכמאמר הכתוב] פִּתְאֹם יָבוֹא אֶל הֵיכָלוֹ הָאָדוֹן אֲשֶׁר אַתֶּם מְבַקְשִׁים (מלאכי ג, א).
דער נָבִיא האָט געזאָגט אַז פִּתְאֹם יָבוֹא אֶל הֵיכָלוֹ אֲשֶׁר אַתֶּם מְבַקְשִׁים, וואָס מ׳וואַרט שוין בִּכְלְיוֹן עֵינַיִם וְדַאֲבוֹן נֶפֶשׁ[כה].

דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יְשַׂמַּח אֶת לְבָבוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, מיט די יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה.
[און] מ׳זאָל מיר זוֹכֶה זיין [עס] צו זען, ווען ס׳וועט קומען די יְשׁוּעָה.
בְּהִתְרוֹמְמוּת קֶרֶן הַתּוֹרָה וְיִשְׂרָאֵל, וּבְהִתְגַּלּוּת כְּבוֹד שָׁמַיִם עָלֵינוּ, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

---

[כד] מלשון הפסוק בשמואל א׳ (ט, כ), וַיַּעַן שְׁמוּאֵל אֶת שָׁאוּל וגו׳ וּלְמִי כָּל חֶמְדַּת יִשְׂרָאֵל הֲלוֹא לְךָ וגו׳.

[כה] מלשון הפסוק בפרשת כי תבוא (כח, סה).

KolSatmar.com